לעי"נ הגה"ח ר' שמחה בונים ב"ר אליעזר ז"ל

# פְּנִינֵי קֹדֶשׁ

לאור תורתו של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

אידיש

בס"ד, שנה ב', גליון פו
פרשת פינחס - תשפ"ג לפ"ק

יוצא לאור על ידי מערכת "מסילות באור החסידות"
שע"י מכון אור הצפון דחסידי בעלזא

## א ווארט אויף די פרשה

### די קנאות פון פנחס איז געווען פארקערט פון זיין טבע

**פִּינְחָס בֶּן אֶלְעָזָר בֶּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן הֵשִׁיב אֶת חֲמָתִי וגו'** (כה, יא).

**רש"י** זאגט: "לפי שהיו השבטים מבזים אותו הראיתם בן פוטי זה שפיטם אבי אמו עגלים לעבודת אלילים והרג נשיא שבט מישראל, לפיכך בא הכתוב ויחסו אחר אהרן". - פרעגן שוין אלע מפרשים די קושיא, וואס האט געהאלפן דאס וואס דער פסוק האט געזאגט אז ער איז אַן אייניקל פון אהרן, ער איז דאך באמת אויך געווען אַן אייניקל פון יתרו?!

עס שטייט אין ספר **תשואות חן** אויפ'ן פסוק אין פרשת לך לך (טו, א): **"אחר הדברים האלה היה דבר ה' אל אברם... אל תירא אברם אנכי מגן לך שכרך הרבה מאד"**, אז אברהם אבינו איז דאך געווען אויסגעצייכנט מיט די מידה פון **חסד**, און דארט אין פרשה ווערט דערציילט אז ער האט מלחמה געהאלטן מיט א שטארקייט קעגן די קעניגן וואס האבן צוגעכאפט לוט, און ער האט זיך באנוצט מיט די מידה פון **גבורה**, פארקערט פון זיין טבע. ווען א מענטש טוט א גוטע זאך לשם שמים, פארקערט פון זיין טבע, קומט זיך איהם שכר אויף דעם, דערפאר שטייט אין פסוק: "אחר הדברים האלה" - נאכדעם וואס ער האט מלחמה געהאלטן מיט די קעניגן, קעגן זיין טבע, האט איהם דער אייבישטער געזאגט: "שכרך הרבה מאד".

פינחס האט דא געמאכט א מעשה פון 'קנאות', וואס דאס קומט פון די מידה פון גבורה, האבן די שבטים געזאגט אז דאס האט ער געטון ווייל ער איז אַן אייניקל פון יתרו וואס איז געווען א 'כומר' פון עבודה זרה, וואס זיי זענען באקאנט אלס גרויסע אכזרים (אזיווי עס שטייט אז זיי פלעגן הרג'ענען קינדער פאר די עבודה זרה), און ממילא קומט איהם נישט קיין שכר דערויף. דערפאר זאגט די פסוק אז ער איז געווען אַן אייניקל פון אהרן הכהן, וואס איז געווען אויסגעצייכנט מיט די מידה פון חסד, און אזוי אויך די טבע פון פינחס איז צו טון חסד און גוטס, און נישט קנאות און גבורה, און ממילא קומט אויס אז ער האט דא געטון א זאך וואס איז פארקערט פון זיין טבע, דערפאר זאגט די מדרש (במ"ר כא, א): **"אמר הקב"ה בדין הוא שיטול שכרו"** - עס קומט זיך איהם שכר.

(סעודה א' תשמג)

### דורך היטן שבת במחשבה ווערט מען גערעטעוועט פון אלע שלעכטע מחשבות

**צָרוֹר אֶת הַמִּדְיָנִים וְהִכִּיתֶם אוֹתָם, כִּי צֹרְרִים הֵם לָכֶם בְּנִכְלֵיהֶם אֲשֶׁר נִכְּלוּ לָכֶם** (כה, יז-יח).

שרייבט **רש"י**: **"צרור** - כמו זָכוֹר שָׁמוֹר... עליכם לאייב אותם".

אויב מען דארף הרג'ענען די מדינים, פארוואס דארף מען זיי אויך פיינט האבן? האט **דער הייליגע פריערדיגע רב זי"ע** געענטפערט, אז **הרה"ק רבי פנחס פון קאריץ זי"ע** האט געזאגט, אז אפילו די מחשבות פון די גוים און די רשעים שאטן פאר די אידן, און די עצה דערצו איז זיי צו פיינט האבן. דערפאר האט די תורה געהייסן אז מען זאל פיינט האבן די מדינים, כדי זייערע שלעכטע מחשבות זאלן נישט שאטן פאר די אידן; אזיווי עס שטייט אין פסוק: **"צרור את המדינים... כי צוררים הם לכם בנכליהם אשר נכלו לכם"**, 'נכליהם' איז א לשון פון שלעכטע מחשבות, דערפאר דארף מען זיי פיינט האבן (עכ"ד).

די **גמרא** (שבת קנ, ב) דערציילט, אז עס איז געווען א חסיד וואס האט אמאל באמערקט אינמיטן שבת אז דער צוים פון זיין פעלד האט זיך צובראכן, און ער האט **געטראכט** אז ער גייט דאס פארעכטן. ווען ער האט זיך דערמאנט אז עס איז שבת, האט ער באשלאסן אז ער גייט דאס שוין קיינמאל נישט פארעכטן, און דער אייבישטער האט געמאכט א נס און עס איז דארטן געוואקסן א בוים פון גוטע פירות. - זען מיר פון דעם, אז כאטש שבת מעג מען טראכטן פון מלאכות, אבער א חסיד איז מחמיר און טראכט נישט שבת פון וואכעדיגע זאכן.

עס קען זיין, אז ווען איינער געבט אכטונג שבת און טראכט נישט פון קיין וואכעדיגע זאכן, איז דאס א סגולה אז ער זאל ניצול ווערן א גאנצע וואך פון שלעכטע מחשבות. און דאס איז מרומז דא אין רש"י: **"צרור** - כמו זָכוֹר שָׁמוֹר... עליכם לאייב אותם", פונקט אזיווי ווען מען היט שבת אפילו במחשבה, ווערט מען ניצול פון אלע שלעכטע מחשבות א גאנצע וואך, אזוי אויך ווען מען האט פיינט די רשעים איז דאס א סגולה צו גערעטעוועט ווערן פון זייערע שלעכטע מחשבות.

(סעודה א' תשלו)

### די עבירה פון צלפחד איז נישט געווען 'מחלוקת' וואס איז פוגם אין די קינדער

**וַתִּקְרַבְנָה בְּנוֹת צְלָפְחָד וגו', אָבִינוּ מֵת בַּמִּדְבָּר וְהוּא לֹא הָיָה בְּתוֹךְ הָעֵדָה הַנּוֹעָדִים עַל ה' בַּעֲדַת קֹרַח כִּי בְחֶטְאוֹ מֵת וּבָנִים לֹא הָיוּ לוֹ, לָמָּה יִגָּרַע שֵׁם אָבִינוּ מִתּוֹךְ מִשְׁפַּחְתּוֹ** (כז, א-ד).

**רש"י** פרעגט שוין פארוואס האבן זיי געדארפט זאגן די גאנצע הקדמה "והוא לא היה בתוך העדה הנועדים על ה' בעדת קרח כי בחטאו מת ובנים לא היו לו"?

דער תירוץ איז, ווייל אין פרשת קורח (טז, כז) זאגט **רש"י**, אז פון די מעשה פון קורח זען מיר די הארבקייט פון מחלוקת, כאטש אויף אלע עבירות שטראפט מען נישט קיין קליינע קינדער, אבער ביי די עבירה פון מחלוקת זענען אפילו די קליינע קינדער געווארן איינגעשלונגען אין די ערד. דער טעם דערפון איז נישט ווייל די קינדער ווערן געשטראפט, נאר וויבאלד דער 'פגם' פון די עבירה איז אזוי גרויס, אז עס קומט אָן אפילו ביז די קליינע קינדער.

דאס האבן די טעכטער פון צלפחד גע'טענה'ט: **"אבינו מת במדבר והוא לא היה בתוך העדה הנועדים על ה' בעדת קורח"** - די עבירה פון אונזער טאטע איז נישט געווען די עבירה פון מחלוקת וואס איז פוגם אפילו אין זיינע קינדער, און ממילא זענען מיר נישט ראוי צו באקומען זיין 'נחלה', **"כי בחטאו מת ובנים לא היו לו"** - ער האט אליין געזינדיגט, און זיין זינד האט גארנישט קיין שייכות מיט זיינע קינדער; און ממילא - **"למה יגרע שם אבינו מתוך משפחתו"**, פארוואס זאלן מיר נישט באקומען א חלק אין ארץ ישראל.

(סעודה ב' פרשת קרח תשסו)

### משה רבינו האט געגעבן פאר יהושע די 'קרני הוד' אין זכות פון זיין ענווה

**וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה קַח לְךָ אֶת יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן וגו' וְנָתַתָּה מֵהוֹדְךָ עָלָיו** (כז, יח-כ).

אן אינטערעסאנטע זאך שטייט אין **מדרש** (שמו"ר מז, ו), אז ווען משה רבינו האט געענדיגט צו שרייבן די גאנצע תורה, איז איהם איבערגעבליבן אביסל טינט אין זיין פעדער, און ער האט דאס ארויפגעלייגט אויף זיין קאפ, און פון דעם איז געווארן די 'קרני הוד' וואס האבן געלויכטן פון זיין פנים.

דער **אור החיים הקדוש** (פרשת כי תשא) ערקלערט די כוונה פון דער מדרש, אז משה רבינו איז דאך געווען דער גרעסטע עָנָיו פון די גאנצע וועלט, און ווען דער אייבישטער האט איהם געהייסן שרייבן דער פסוק "והאיש משה עניו מאוד מכל האדם" (במדבר יב, ג), האט ער צוליב זיין גרויסע עניווּת געשריבן 'עָנָו' אָן די אות יו"ד, און דאס מיינט דער מדרש צו זאגן אז עס איז איבערגעבליבן אביסל טינט אין זיין פעדער, דאס מיינט מען די אות יו"ד פון 'עניו', און אין דעם זכות האט ער באקומען די 'קרני הוד' (עכ"ד).

און דער **הייליגע ערשטע רב זי"ע** האט געזאגט, אז דער אות י' פון 'עניו' איז דער אות י' וואס משה רבינו האט צוגעלייגט אויף די נאמען פון **יהושע** בן נון, אזיווי עס שטייט אין **תרגום יונתן** (פרשת שלח) אז משה רבינו האט דאס צוגעלייגט ווייל יהושע איז געווען א גרויסע עניו (עכ"ד).

לויט די צוויי הקדמות קען מען פארשטיין דער פסוק: **"ונתת מהודך עליו"** - דאס מיינט מען די 'קרני הוד' פון משה רבינו (אזיווי רש"י זאגט דא); ווייל די 'קרני הוד' וואס משה רבינו האט באקומען איז דאך געווען פון די אות **י'** פון 'עניו', און דאס האט ער אויך צוגעלייגט אויף די נאמען פון **יהושע** צוליב זיין ענווה, דערפאר האט ער דאס געגעבן פאר יהושע.

(סעודה ב' פרשת שלח תשלח)

## א געדאנק
### אויף עניינא דיומא

## לערנען תורה כדי צו ווערן נאנט צום באשעפער!

אין גמרא (נדרים פא, א) שטייט, אז קיינער האט נישט געוויסט צוליב וועלכע עבירה איז די בית המקדש חרוב געווארן, ביז דער אייבישטער האט געזאגט (ירמיה ט, יב): "על עזבם את תורתי אשר נתתי לפניהם ולא שמעו בקולי ולא הלכו בה".

און די גמרא ערקלערט אז זיי האבן נישט געזאגט קיין 'ברכת התורה', א ברכה אויף די תורה.

לכאורה איז שווער: א - אין גמרא (יומא ט, ב) שטייט אז די בית המקדש איז חרוב געווארן צוליב די 3 הארבע עבירות, עבודה זרה, גילוי עריות און שפיכות דמים, פארוואס שטייט דא אז עס איז חרוב געווארן "על עזבם את תורתי". ב - וואס איז די גרויסע עבירה פון נישט זאגן 'ברכת התורה', וואס אויף דעם איז געקומען אזא ביטערע חורבן.

דער תירוץ איז, אז אוודאי איז די בית המקדש חרוב געווארן וועגן די הארבע עבירות וואס זענען דעמאלטס געווען, נאר די קושיא איז אז די אידן האבן דאך דעמאלטס געלערנט תורה, אויב אזוי פארוואס האט די תורה נישט באשיצט אויף די אידן אז זיי זאלן נישט צוקומען צו אזעלכע הארבע עבירות, עס שטייט דאך אין גמרא (סוטה כא, א) אז די תורה באשיצט א מענטש פון אלע עבירות.

און דער תירוץ איז, אז די אידן האבן טאקע געלערנט תורה, נאר אין די מצוה פון לימוד התורה איז דא צוויי מדריגות: א. עס זענען דא וואס לערנען תורה נאר כדי צו וויסן וואס מען דארף טון און וואס מען מעג נישט טון; ב. נאכדעם איז דא א גרעסערע מדריגה, מען לערנט תורה ווייל מען וויל לערנען די הייליגע תורה און מקיים זיין די מצוה פון 'תלמוד תורה', און ווערן נאנט צום רבונו של עולם דורך די תורה.

דער חילוק צווישן די צוויי מדריגות איז אויב מען דארף מאכן א ברכה אויף די תורה; אויב מען לערנט נאר כדי צו וויסן וואס מען דארף טון, דארף מען נישט מאכן קיין ברכה, ווייל עס איז נאר א 'הכנה' צו די מצוות, און אויף א 'הכנה' צו א מצוה [אזויווי למשל מאכן 'תפילין', שרייבן א מזוזה, בויען א סוכה] מאכט מען נישט קיין ברכה. אבער אויב מען לערנט תורה כדי צו מקיים זיין די מצוה פון 'תלמוד תורה', דארף מען זיכער מאכן א ברכה.

און דאס איז אויך דער טעם פארוואס מיר בעטן ביי ברכת התורה: "והערב נא ה' אלקינו את דברי תורתך בפינו ובפיות עמך בית ישראל", וויבאלד אונזער גאנצע מטרה אין דאס לערנען איז כדי צו מקיים זיין די מצוה פון לימוד התורה און כדי צו ווערן נאנט צום רבונו של עולם דורך די תורה, און נישט נאר כדי צו וויסן די הלכות, דערפאר בעטן מיר אז די תורה זאל זיין זיס אין אונזער מויל.

אזויווי די אידן האבן געלערנט די תורה נאר כדי צו וויסן די הלכות פון די תורה, איז דאס געווען נאר א 'הכנה' צו די מצוות, דערפאר האבן זיי נישט געמאכט קיין ברכה. און דאס איז אויך געווען דער טעם פארוואס די תורה האט זיי נישט אפגעהיטן פון צו צוקומען צו די אלע הארבע עבירות, ווייל נאר ווען מען לערנט די תורה כדי זיך צו דערנענטערן צום באשעפער, דעמאלטס האט די תורה א כח צו באשיצן פון אלע עבירות.

(מוצאי תשעה באב תשסח)

## סיפורי קודש
### אויף ימי בין המצרים

### "דרור יקרא, אבער גער..."

אין יאר תרס"ו איז געווען אויפ'ן וועלט א גרויסע התעוררות אז די יאר איז אַן עת-רצון אז משיח זאל שוין קומען, און די מענטשן האבן געטראפן אסאך רמזים דערויף.

עס איז געווען א בעלזא'ער חסיד אין איינע פון די שטעטלעך, וואס איז געפארן אויף שבת קודש קיין בעלזא, ווען ער איז צוריק געקומען נאך שבת האבן איהם די מענטשן געפרעגט: "וואס זאגט מען אין בעלזא אויף משיח?! דארט רעדט מען אויך דערפון?!" יענער איז געווען א תמימות'דיגע איד, האט ער געענטפערט: "יא. איך האב אליין געהערט ביי שלש-סעודות ווי דער גבאי ר' אהרן יהושע איז מכבד איינע פון די חסידים זאל אנהייבן צו זינגען 'דרור יקרא', און ער זאגט איהם: 'דרור יקרא, אבער גער'... האב איך פארשטאנען אז די 'דרור' [די גאולה] קומט שוין שנעל און גיך...".

(מוצאי יז תמוז תשכט)

*

### "וואס רעדט מען אויף משיח?"

אמאל האט **הרה"ק ר' משה פון ראזוועדוב זי"ע** זיך שטארק צופייערט, ער איז ארויסגעגאנגען פון זיין שטוב, און ער האט געטראפן אויפ'ן גאס א גאסט פון קראקא, האט ער איהם געפרעגט: "נו, וואס רעדט מען אין קראקא אויף משיח?". האט יענער געענטפערט מיט א תמימות: "גארנישט, יעדער איינער איז פארנומען מיט זיינע געשעפטן, און קיינער האט נישט קיין צייט צו טראכטן פון משיח".

ווען דער צדיק האט דאס געהערט איז ער געווארן שטארק צוקאכט, און ער האט נישט געקענט פארשטיין וויאזוי קען זיין אז מענטשן טראכטן נישט פון משיח צדקנו, און ער האט געזאגט פאר זיינע נאנטע מענטשן: "אויב אין קראקא רעדט מען נישט פון משיח – וויל איך נישט אז מען זאל קומען צו מיר", און ער האט זיך פארשפארט אויף צוויי וואכן, ביז די חסידים זענען אריינגעגאנגען אין איהם געבעטן אז ער זאל ווייטער אויפנעמען די 'עולם'...

(מוצאי יז תמוז תשכט)

*

### "איזהו מקומן של זבחים"

הגאון **רבי אברהם משה סג"ל זצ"ל** דער רב פון **בראהילוב**, האט געמאכט דער ספר **"מים קדושים"** אויף די מסכתות פון סדר 'קדשים', און איז געקומען צו זיין רבי **הרה"ק רבי ברוך פון מעזיבוז זי"ע**, אז ער זאל איהם געבן א הסכמה אויף זיין ספר.

האט איהם דער רבי ר' ברוכ'ל געזאגט: "איך וואונדער זיך וויאזוי קען מען מאכן אזא גרויסע ספר אויף די ענינים פון 'קדשים'... ווען איך זאג נאר 'איזהו מקומן של זבחים', און איך דערמאן זיך וויאזוי מען פלעגט מקריב זיין די קרבנות אין די צייט וואס דער בית המקדש איז געשטאנען, און וויאזוי דער בית המקדש זעט יעצט אויס, דרייט זיך שוין מיין מאגן איבער פון גרויס צער, און איך קען קוים זאגן ווייטער...".

און ער האט געטייטשט מיט דעם דער פסוק (תהלים לט, ד): **"חם לבי בקרבי בהגיגי תבער אש דברתי בלשוני"**, – 'חם לבי בקרבי' – מיין הארץ ווערט הייס, 'בהגיגי' – ווען איך טראכט אריין און איך בין זיך מתבונן, אז אויף דער פלאץ וואס עס איז געווען 'תבער אש' – עס האט געברענט דער פייער פון די קרבנות אויפ'ן מזבח, איז יעצט נאר 'דברתי בלשוני', מיר זענען מקריב קרבנות דורך דעם וואס מיר דאווענען, אזויווי עס שטייט (הושע יד, ג): "ונשלמה פרים שפתינו".

(מוצאי יז תמוז תשנח)

*

### "עיר האלוקים מושפלת"

אמאל ווען דער **הייליגע פריערדיגע רב זי"ע** איז געווען אין מארינבאד אין די טעג פון בין המצרים, איז איינע פון די 'פריצים' פון די געגנט איהם געקומען באזוכן, און 'מפני דרכי שלום' האט דער פריערדיגע רב געדארפט צוריק גיין צו יענעם אויף א באזוך...

ווען דער פריערדיגע רב איז צוריק אנגעקומען צו זיין שטוב נאכ'ן באזוך, האט ער זיך שטארק צעוויינט, און געזאגט: "ווען איך בין געווען אין דער שטוב פון דער פריץ און איך האב געזען זיין שיינע פאלאץ, און איך האב זיך דערמאנט וויאזוי ירושלים זעט אויס, 'עיר האלוקים מושפלת עד שאול תחתיה', בין איך געווארן אינגאנצן צובראכן".

(מוצאי יז תמוז תשלט)


דַּבַר יוֹם בְּיוֹמוֹ

כל חסיד בעלזא אומר מדי יום את קאפיטל התהלים הקבוע

להצטרפות וקבלת קאפיטל תהלים יומי קבוע
חייג למערכת "על הצדיקים"
02.313.7666